# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................8:09
מוצאי שב"ק....................9:36

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.....................יחזקאל ח'-ט'
בבלי.......................שבת קל"ד
ירושלמי......................סוכה ה'
תוספתא...................שקלים ג'
רמב"ם...מצוות ל"ת רמה-שסה


פרשת מטות מסעי, כ"ו תמוז, מברכים חודש אב, אבות פרק א', שנת תש"פ לפ"ק

שנה 9, גליון 43 (457)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וַיִּכְתֹּב מֹשֶׁה אֶת מוֹצָאֵיהֶם לְמַסְעֵיהֶם עַל פִּי ה'

אַ מֶענְטְש דַארְף וִויסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז אֱלֹקוּת, אוּן אַלֶעס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר שִׁיקְט מִיר רְמָזִים אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט, אִיךְ דַארְף עֶס נָאר הֶערְן. וָואס דָאס הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אַ יְסוֹד אִין לֶעבְּן, אַז אַ מֶענְטְש זָאל וִויסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הֶערְט, אוּן עֶר זֶעט, זָאגְט מֶען אִים מוּסָר.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי מַעֲשֶׂה: עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אִיר הָאט אַ נֵייעֶם וֶועג! אוּן אִיךְ ווִיל אַייךְ פְרֶעגְן דֶערוֹיף קַשְׁיוֹת, אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט נִישְׁט אוֹיף מִיר בְּרוֹגֶז זַיין". זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: "אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז, אִיר קֶענְט פְרֶעגְן!"

עֶר הוֹיבְּט אָן צוּ פְרֶעגְן, פוּן וואוּ עֶר נֶעמְט דֶעם נֵייעֶם וֶועג, הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ דֶערְצֵיילְט: וִויאַזוֹי עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אוּן אַז דֶער טַאטֶע הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט צַוָואָה, אוּן גֶעזָאגְט: יִשְׂרָאלִיק! זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, זָאלְסְט ווִיסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט דִיר, בַּיי דִיר, אִין דִיר, אוּן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר וֶועט דִיר אַלֶעס גֶעבְּן. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מִיט אִים גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן אֵיין שְׁמוּעֶס צוּם צְוֵוייטְן, בִּיז עֶר זָאגְט אִים: וֶועסְט זֶען אַז אֲפִילוּ וָואס אַ גוֹי זָאגְט, זָאגְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער.

פְּלוּצְלִינְג קְלַאפְּט אַריין אַ גוֹי אַ הֶענְדִי-מַאן אוּן פְרֶעגְט: אִיר הָאט עֶפֶּעס צוּ פַארֶעכְטְן? זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: גֵיי גֵיי, בַּיי מִיר אִיז אַלֶעס פַארְרַאכְטְן. אָבֶער ווִיבַּאלְד יֶענֶער ווִיל פַארְדִינֶען אַפָּאר גְרָאשְׁן לָאזְט עֶר נִישְׁט נָאךְ אוּן פְרֶעגְט: אֶפְשָׁר בַּיים טִישׁ אִיז עֶפֶּעס צוּבְרָאכְן אָדֶער קַאלְיֶע גֶעוָוארְן? עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ בַּיי מַיין טִישׁ אִיז אַלֶעס בְּסֵדֶר! פְרֶעגְט עֶר: אֶפְשָׁר דֶער בֶּעט דַארְף מֶען פַארֶעכְטְן? עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: מַיין בֶּעט אִיז בְּסֵדֶר. אַזוֹי הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי שְׁטוּבּ, בִּיז עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, דוּ זֶעסְט: עֶר אִיז מַיין מוּסָר סֵפֶר! עֶר זָאגְט מִיר: אֶפְשָׁר מַיין טִישׁ אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר אַז אִיךְ עֶס חָלִילָה נִישְׁט קַיין כָּשֵׁר'ע זַאכְן? זָאג אִיךְ אִים: מַיין טִישׁ אִיז בְּסֵדֶר, פְרֶעגְט עֶר: אֶפְשָׁר בַּיים בֶּעט טוֹיג נִישְׁט? אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: בַּיי מִיר אִיז דִי בֶּעט גוּט, אוּן אַזוֹי מִיט יֶעדֶע זַאךְ.

זָאגְט דֶער גָאוֹן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: אַלֶעס קֶען אִיךְ אָנְנֶעמֶען, אָבֶער נִישְׁט דָאס, אַז אַ גוֹי זָאל מִיר זָאגְן מוּסָר, אוּן אַז וֶוען דֶער גוֹי רֶעדְט, אִיז עֶר אַ שָׁלִיחַ פוּן בַּאשֶׁעפֶער. זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: "זָאג נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, זָאג אַז דוּ ווִילְסְט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, ווִיל; וֶועסְטוּ קֶענֶען!", מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען מִיט כַּעַס פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ. אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ גֶערֶעגְט אוּן גֶעגִיפְט, דָאס לֶערְנְט מֶען דָא, אַז אֲפִילוּ וָואס אַ גוֹי זָאגְט, אִיז דָאס דֶער בַּאשֶׁעפֶער?! אוּן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַז 'דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען', זָאגְט עֶר: 'דוּ קֶענְסְט יָא נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט'.

אַזוֹי פָארְנְדִיג אִינְמִיטְן וֶועג, הָאט זִיךְ אַ וָואגְן פוּל מִיט פֵּירוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אוּן דֶער גוֹי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַלֵיין אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם פֶערְד, הָאט זִיךְ דֶער גוֹי גֶעבֶּעטְן בַּיי דֶעם רָב: קוּמְט אוּן הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיס, זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ קֶען נִישְׁט! זָאגְט אִים דֶער גוֹי: "זָאג נִישְׁט דוּ קֶענְסְט נִישְׁט, זָאג דוּ ווִילְסְט נִישְׁט; וֶועסְט וֶועלְן, וֶועסְטוּ קֶענֶען מִיר הֶעלְפְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם פֶערְד!"... ווִי נָאר עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזוּכְט נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי גֶעבֶּעטְן לָאמִיר אִים הֶעלְפְן, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ צוּרִיק גֶעפָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, כְּדֵי דָאס אִים צוּ פַארְצֵיילְן אוּן מוֹדֶה זַיין צוּ אִים, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אִיז אִים שׁוֹין אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: הָאסְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַזוֹי ווִי מַיינֶע אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים? אוּן אַז דוּ ווִילְסְט וֶועסְטוּ קֶענֶען.

(קוּנְטְרֵס עֶס וֶועט זַיין גוּט)

## מוֹהַרְאַ"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חוֹדֶשׁ אָב

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין חוֹדֶשׁ אָב, אַ חוֹדֶשׁ אִין וָואס מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל עֶס שׁוֹין צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן.

דֶער טְרוֹיעֶר אִיז נִישְׁט נָאר אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן מִיט צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק, נָאר מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיךְ אוֹיף אוּנְזֶער אֵייגֶענֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ. דֶער מֹחַ פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין אַ בֵּית הַמִקְדָשׁ, עֶס דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן, אוּן אוֹיף דֶעם טְרוֹיעֶרְן מִיר אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ, צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווִי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דָאס אִיז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, וֶוען אַ אִיד מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

#### דֶער צֵירוּף פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ

דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער שֵׁם הוי"ה - קֶען מֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן אוֹיף צְוֶועלְף וֶועגְן, אוּן דָאס זֶענֶען קֶעגְן דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, יֶעדֶע חוֹדֶשׁ שַׁיינְט אַן אַנְדֶערֶע צֵירוּף פוּנֶעם שֵׁם. אִין חוֹדֶשׁ אָב שַׁיינְט דֶער צֵירוּף אוֹיף דִי וֶועג – "הוי"ה", וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְבָרִים כז ט) הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם

<<<<<<

## א גוט ווארט

ווִי לַאנְג אִיז דֶען דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִין נ"ט), עֶס אִיז דָא אַ פְלִיג וָואס הֵייסְט "בַּקָא" וָואס לֶעבְּט אִינְגַאנְצְן אֵיין טָאג, אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן פָּאר - קְרִיגְן זֵיי זִיךְ אוּן בְּלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, דִי נְקֵבָה זָאגְט פַארְ'ן זָכָר, "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי דוּ הָאסְט גֶעבִּיסְן אַ מֶענְטְש וָואס אִיז גֶעשְׁוִוימֶען אִין וַואסֶער אוּן דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט גֶערוּפְן אִיךְ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן בְּלוּט צוּ עֶסְן, דֶערְפַאר גֵיי אִיךְ נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִיר פַאר זִיבְּן יָאר", זֵיי לֶעבְּן קוֹים אֵיין טָאג אוּן זֵיי קְרִיגְן זִיךְ פַאר זִיבְּן יָאר, אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע גֶעלֶעכְטֶער פוּן דֶעם?

אַזַא פָּנִים הָאבְּן דִי וָואס קְרִיגְן זִיךְ; מֶען מֵיינְט אַז מֶען בְּלַייבְּט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט פַאר אֵייבִּיג, בִּשְׁעַת דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַזוֹי קוּרְץ; בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ אוּן זֵיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען זִי שְׁרֵייט, נֶעם עֶס נִישְׁט צוּם הַארְצְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת פִּנְחָס תשי"פ)

### בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן אָן קַיין תֵּירוּצִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר הַארְבּ; אַ שָׁאד מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מִיט קִינְדֶער אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אַז זֵיי זָאלְן זַיין גֶעוָוארְנְט צוּ מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע.

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז יָא כִּיבּוּד אָב וָאֵם אוּן וָואס אִיז נִישְׁט כִּיבּוּד אָב וָאֵם; פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען זֵיי מְכַבֵּד זַיין, רֶעדְן שֵׁיין אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן מִיט חוּצְפָּה. זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אֲפִילוּ דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּן נִישְׁט נָארְמַאל – דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ זֵיי מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען נִישְׁט אוּן מֶען טָאר נִישְׁט לָאזְן אַז נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּבּ.

אִיר זָאלְט רוּפְן אֵייעֶר מַאמֶע, רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר אוּן אִיר דֶערְצֵיילְן פוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ; אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָארְגְן פַאר אִיר זִי זָאל הָאבְּן עֶסְן אוּן אַלֶע לֶעבְּנְס גֶעבְּרוֹיכְן.

אֲפִילוּ זִי הָאט אַייךְ וֵויי גֶעטוּן אִין אַייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן, אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דִי וֵוייטָאג אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ וָואס מֶען אִיז אַרִיבֶּער; דִי בִּזְיוֹנוֹת אוּן דְרוּק וְכוּ' – מִיט דֶעם אַלֶעם דַארְפְט אִיר ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן דָאס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אַייךְ אִיז נָאר גֶעוֶוען לְטוֹבָה, אַז אִיר זָאלְט הַיינְט שְׁטֵיין דָארְט וואוּ אִיר שְׁטֵייט.

אַז אִיר וֶועט גוּט קוּקְן וֶועט אִיר זֶען אַז דַיְקָא דִי אַלֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער – דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶערְצוּ אַז אִיר זָאלְט ווִיסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וֶוען אִיר וָואלְט וֶוען נִישְׁט אַרִיבֶּער אַלֶע אַייעֶרֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן וָואלְט אִיר נִישְׁט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי'ן פַאר אֵייעֶר לֶעבְּן, קוּמְט אוֹיס אַז נָאר וַוייל עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אַייךְ אַ שְׁווֶערֶע לֶעבְּן הָאט דָאס אַייךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּם גַּן עֵדֶן, דַארְפְט אִיר נָאר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס בִּיז אַהֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת פִּנְחָס תש"פ)

<<<<<<

לַה' אֱלֹקֶיךָ – אִידִישֶׁע קִינְדֶער הֶערְטְס צוּ, דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זֶענְט אִיר גֶעוָוארְן אַ פָאלְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְוָואס פוּנְקְט דֶער שֵׁם פוּן דֶעם פָּסוּק, שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב? אוּן מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן אַז וֶוען מֶען ווִיל זָאגְן דֶעם שֵׁם – דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן דֶעם שֵׁם, זָאגְט מֶען עֶס אוֹיף דִי וֶועג ווִי אַזוֹי עֶס שַׁיינְט אִין חוֹדֶשׁ אָב "דֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה". פַארְוָואס פוּנְקְט אוֹיף דֶעם וֶועג?

מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס"ג:) אַז פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק, הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פִיר זַאכְן, אוּן דִי פִיר זַאכְן זֶענֶען דִי יְסוֹדוֹת ווִי אַזוֹי אַ אִיד קֶען זִיךְ גְרִינְגֶערְהֵייט צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶס טַאקֶע פַּאסִיג פַאר יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אָב וֶוען יֶעדֶער ווִיל צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס ווִיכְטִיג פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דֶערְפַאר אִיז מֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דֶעם וֶועג.

### יֶעדְן טָאג פוּן נַיי

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לֶערְנְט דִי גְמָרָא אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַיּוֹם הַזֶּה" נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, אַז יֶעדְן טָאג דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן אַז הַיינְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד דַארְף ווִיסְן וֶוען עֶר ווִיל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, קֶען מֶען יֶעדְן טָאג צוּרִיק קוּמֶען אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט הַיינְט גֶעגֶעבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן.

אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, "אִיךְ וֶועל הַיינְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער וֶוער זָאגְט אַז מָארְגְן וֶועט עֶס נָאךְ אָנְהַאלְטְן?", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס עֶס גֵייט זַיין מָארְגְן, יֶעדְן טָאג דַארְף אַ אִיד פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה

וֶוען אַ אִיד ווִיל אָבֶּער אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען, קוּמְט אִים גְלַייךְ אַרַיין אִין קָאפּ "וֶוער בִּין אִיךְ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה? עֶס אִיז טַאקֶע דָא גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, אִידְן וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן זִיצְן אוּן הָארֶעוֶוען אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ אִין דִי תּוֹרָה, אִיךְ קוּם דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט צוּ צוּ זֵייעֶר שְׁפִּיץ פִינְגֶער, ווִי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְגְלַייכְן צוּ זֵיי? ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען?"

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי צְווֵייטֶע זַאךְ וָואס דִי גְמָרָא לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם וְכוּ' - עֲשׂוּ כִּתּוֹת כִּתּוֹת וְעִסְקוּ בַּתּוֹרָה" - בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דָא אַסַאךְ כִּתּוֹת, עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אִידְן וָואס קֶענֶען זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין תּוֹרָה, אוּן לֶערְנֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע עִיּוּן אוּן מִיט פִּלְפּוּלִים; אוֹיבּ אָבֶּער בִּיזְטוּ פוּן אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי בְּעִיּוּן, דַארְפְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, וַוייל יֶענֶער גֵייט אִין אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בִּכְלָל וָואס מֶען זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ מֶען גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, בְּלוֹיז מִיטְן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִיז מֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, אוּן דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אִיךְ בִּין צוּבְּרָאכְן

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זָאגְן, "אִיךְ ווִיל טַאקֶע לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן צוּהַאקְט פוּן דִי צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים וָואס אִיךְ גֵיי דוּרְךְ, אַז אִיךְ קֶען זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט צוּזַאם נֶעמֶען אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה".

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי דְרִיטֶע זַאךְ וָואס דִי חֲזַ"ל לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - כַּתְּתוּ עַצְמְכֶם עַל דִּבְרֵי תּוֹרָה, שֶׁאֵין דִּבְרֵי תּוֹרָה מִתְקַיְּמִין אֶלָּא בְּמִי שֶׁמֵּמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ" - דִי תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט וֶוען עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער, וֶוען עֶר אִיז גֶעדְרוּקְט, דָאס הַאלְט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת אִיז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה. אִין תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ שְׁטֵייט (פֶּרֶק ו') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט אַז עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, זָאל עֶר לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן אַלֶע יִסּוּרִים אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

### אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין וָוארְט

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר צוּבְּרֶעכְט זִיךְ דִי צֵיין קוֹים אַרוֹיס צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי פֶערְטֶע זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - הַס וְאַחַר כָּךְ כַּתֵּת, דְּאָמַר רָבָא לְעוֹלָם יִלְמַד אָדָם תּוֹרָה וְאַחַר כָּךְ יֶהְגֶּה" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוֹדֶם זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ זַיין מֹחַ צוּם סוֹף עֶפֶענֶען, אוּן עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אוּן קֶענֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

קוּמְט אוֹיס אַז פוּן דֶעם פָּסוּק הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם, וָואס פוּן דָא קוּמְט אַרוֹיס דֶער שֵׁם וָואס שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב, פוּן דֶעם פָּסוּק קוּמְט אַרוֹיס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזּוּק פַאר יֶעדְן אִיד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת אִיז אוֹיךְ נָאר דִי אֵיינְצִיגֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה.

דִי אַלֶע לִמּוּדִים אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקְן יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער חוֹדֶשׁ אָב, וַוייל דוּרְךְ דִי תּוֹרָה בַּאקוּמְט אַ מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל אוּן עֶר וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם פַארֶעכְט עֶר זַיין אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶר בּוֹיעֶט אוֹיף אִין זַיין מֹחַ דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר בִּינְד צוּ זַיין מֹחַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי תּוֹרָה.

דֶערְפַאר אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דִי וֶועג "שֵׁם הַוַיָ"ה", וַוייל דִי חִיזּוּק וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק קֶען צוּנִיץ קוּמֶען פַאר יֶעדְן אִיד שְׁטֶענְדִיג.

### מִילְכִיגְס אִין דִי נַיין טֶעג

אִין דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט טַעֲמִים פַארְוָואס אִידְן פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן מִילְכִיגְס אִין דִי נַיין טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב (עַיֵּין ספה"ק זֶרַע קוֹדֶשׁ פ' בָּלָק וּפ' דְבָרִים), אָבֶּער מִיט דֶעם קֶען מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטֵיין, וַוייל יֶעצְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ נֶעמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, קוּמְט אוֹיס אַז דִי טֶעג זֶענֶען מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וָואס דֶעמָאלְט עֶסְט מֶען אוֹיךְ מִילְכִיגְס.

וֶוען אַ אִיד וֶועט אוֹיסְנוּצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב צוּ מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, זָאל עֶר כָאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה. וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז דִי תּוֹרָה וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן אִין אִים אוֹיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי כֹּחַ אוּן חֵשֶׁק וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב)

# לֶעבּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עב)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דִי שִׁיף אוֹיף וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז פַארְכַאפְּט קוּמְט אָן אִין דִי נַאכְט פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ צוּם שְׁטָאט רַאדִישׁ, וואוּ סְ'גֶעפוּנְט זִיךְ אַ אִידִישֶׁע קְהִלָּה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז דֶער קַאפִּיטַאן נֶעמְט מִיט ר' יִצְחָק אִין שְׁטָאט אַרַיין, אוּן עֶר טְרֶעפְט זִיךְ דָארְט מִיט אַ חָכָם.

דֶער חָכָם הָאט אִים גֶעזָאגְט, "מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיטְ'ן קַאפִּיטַאן אוּן מִיר הָאבְּן אִים שׁוֹין אָפְּגֶעהַאלְטְן אַז עֶר זָאל אַייךְ מוּזְן אַרוֹיסְלָאזְן פוּן זַיין שִׁיף. גֶעלְט וֶועט אִים טַאקֶע דַארְפְן גֶעבְּן וִויפִּיל עֶר וִויל, אָבֶער גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט אַייךְ גֶערַאטֶעוֶועט, אַז עֶר הָאט צֶעמִישְׁט דֶעם קַאפִּיטַאן עֶר זָאל דִיר לָאזְן אַרַיין אִין שְׁטָאט. דֶער קַאפִּיטַאן אִיז אַ בַּאוואוּסְטֶער גַזְלָן, זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר שְׁרַייבְּט זִיךְ אוּנְטֶער אַז עֶר שְׁטַאמְט פוּן דִי פִינְף קֶענִיגְן פוּן פְּלִשְׁתִּים. יֶעצְט אִיז אָבֶער נִישְׁט דִי צַייט צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת. קוּם, לָאמִיר דִיךְ נֶעמֶען צוּם שֶׁערֶער, זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב".

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, מְ'הָאט אִים גְלַייךְ גֶעפִירְט צוּם שֶׁערֶער, וואוּ עֶר הָאט זִיךְ גֶעשׁוֹירְן אוּן אוֹיךְ זִיךְ אָפְּגֶעבָּאדְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, אוּן מְ'הָאט אִים גֶעגֶעבְּן קַאוֶוע צוּ טְרִינְקֶען.

דֶער חָכָם הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "וֶוער אִיז דֶער צְוֵייטֶער אִיד אוֹיפְ'ן שִׁיף?", הָאט ר' יִצְחָק צוּרִיקְגֶעפְרֶעגְט, "אִיר הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע?", הָאט עֶר גֶעעֶנְפֶערְט אַז יָא, וַוייל דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף הָאט זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען, הָאט ר' יִצְחָק אִים גֶעזָאגְט, "עֶר אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן אוֹיךְ אַן אֵיינִיקְל פוּן הרה"ק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע, אוּן עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער חָכָם, אַזוֹי וִוי אִיר וֶועט שׁוֹין אַלֵיין זֶען".

דֶער חָכָם אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דָאס צוּ הֶערְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אוֹיסְצוּלֵייזְן פָּשׁוּטֶע אִידְן אִיז אוֹיךְ גָאר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוּנְטֶערְגֶעשִׁיקְט אַזַא זְכוּת צוּ קֶענֶען אוֹיסְלֵייזְן אַזַא גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נָאךְ אוֹיךְ אַן אֵיינִיקְל פוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

דֶער חָכָם הָאט זִיךְ גֶעיָאגְט צוּ קֶענֶען גֵיין צוּם שִׁיף אָפְּנֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִינְצְווִישְׁן הָאט אָבֶער אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גֶעשְׁלֶעג צְווִישְׁן דִי אַרַאבֶּער, סְ'אִיז גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען אֵיינֶער דֶעם צְוֵייטְן, סְ'זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט פִּילֶע גֶע'הַרְגְ'טֶע. וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אִיבֶּער דֶעם, אִיז דֶער חָכָם גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַרַיין אִין זַיין הוֹיף, זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ מִיטְגֶענוּמֶען דָארְטְן ר' יִצְחָק, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אַיינְגֶעשְׁפַּארְט פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין צוּם שִׁיף וַוייל דִי נַאכְט אִיז שׁוֹין צוּגֶעפַאלְן.

דֶער חָכָם הָאט אָבֶער גֶעזָאגְט פַאר ר' יִצְחָק, "זָאלְסְט וִויסְן אַז נָאךְ פוּן מַיינֶע פְרִיעֶ יוּנְגֶע יָארְן דִין אִיךְ שׁוֹין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדָה, מִיט מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן מִסְתָּמָא וֶועל אִיךְ בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם שְׂכַר, דָאס אִיז אוֹיסֶער מַיין חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא וָואס אִיךְ הָאבּ אַזוֹי וִוי יֶעדֶער אִיד; דָאס אַלֶעס לֵייג אִיךְ אַיין בַּיי דִיר אַלְס מַשְׁכּוֹן, אַז אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן מִיטְ'ן גַאנְצְן כֹּחַ אוּן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַייךְ אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען, זָאל אִיךְ דָאס אַלֶעס פַארְלִירְן. אִיךְ מֵיין נִישְׁט זִיךְ גְרוֹיסְצוּהַאלְטְן, אִיךְ וִויל נָאר דוּ זָאלְסְט מִיר גְלוֹיבְּן אַז אִיךְ לָאז אַייךְ נִישְׁט אוֹיף הֶפְקֵר חַס וְשָׁלוֹם, נָאר סְ'אִיז פָּשׁוּט נִישְׁטָא מֶער קַיין צַייט הַיינְט צוּ טוּן אִין דֶעם. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ יֶעצְט מִיטְנֶעמֶען מַצּוֹת, סַיי מַצָּה שְׁמוּרָה אוּן סַיי נָאךְ מַצּוֹת אוֹיבּ אִיר וֶועט וֶועלְן עֶסְן, אוּן אוֹיךְ דִי בֶּעסְטֶע וַויין, אוּן גְרִינְצֵייג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶעס וָואס מְ'דַארְף הָאבְּן צוּם סֵדֶר".

ר' יִצְחָק הָאט זִיךְ דַאן אַרוּיסְגֶעלָאזְט צוּרִיק צוּם שִׁיף,

<<<<<<



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְפְרִישְׁן אַזוֹי וִוי אַמָאל?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיר הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִויפִּיל אִידְן אִיר זֶענְט מְחַיֶּה מִיט אַייעֶרֶע גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין.

אִיךְ בִּין אַן אַכְצְן יֶערִיגֶער בָּחוּר, אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה, אוּן אוֹיךְ אַ יָאר צְוֵויי שְׁפֶּעטֶער, הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען יֶעדְן טָאג פְּרִי, גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה, גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעלֶערְנְט, סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ מְחַיֶּ'.

אָבֶער אִין דִי לֶעצְטֶע יָאר צְוֵיי אִיז מִיר גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד מֶער צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ בַּאקוּם קָאפּ וֵוייטָאג פוּן לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן הִיבְּשׁ נָאכְגֶעלָאזְט. דָאס אִיז אוֹיסֶער דִי שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וּבִפְרָט אוֹיף אַ בָּחוּר, וִוי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אִין דִי מִשְׁפָּחָה מִיט מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, אִיךְ הָאבּ אֵיין שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז לֵיידֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפַאלְן, זִי אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דְרָאגְס אוּן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן דָאס מַאכְט זֵייעֶר שְׁוֶוער דֶער מַצָּב אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט אִיר.

אוֹיסֶער דֶעם אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער יֶעדֶעס מָאל פַאר סְ'קוּמְט אַ יוֹם טוֹב. לֶעצְטְנְס אִיז גֶעוֶוען דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אוּן אִיךְ הָאבּ אַזוֹי מוֹרָא גֶעהַאט וָואס סְ'וֶועט זַיין דִי גַאנְצֶע נַאכְט פוּן שָׁבוּעוֹת. בַּאלְד קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אוּן אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי אִיךְ וֶועל דוּרְכְמַאכְן דִי לַאנְגֶע תְּפִלּוֹת.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן אוּן מְחַזֵּק זַיין.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי שָׁאוּל מֶטֶעפְּלִיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען; מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט, וִוי עֶס פְלֶעגְט זַיין בַּיי דִיר - אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פְּרִי, גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה, גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעלֶערְנְט. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין טֶעפְּלִיק אוּן צוּזֶעעֶנְדִיג זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, וִוי עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא הִתְלַהֲבוּת, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "שָׁאוּל שָׁאוּל, אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר נָאךְ נִישְׁט קַיין הֲנָאָה; וֶוען אִיךְ וֶועל זֶען וִוי דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ אוּן דוּ הֵייבְּסְט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף אוּן דוּ דִינְסְט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִיר".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו): "כְּשֶׁרוֹצֶה אָדָם לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, "צָרִיךְ לִהְיוֹת בָּקִי בַּהֲלָכָה", דַארְף וִויסְן אַז נִישְׁט אַלְץ גֵייט מֶען אוֹיף אַרוֹיף, מֶען דַארְף זַיין בַּאקַאנְט וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין מֶער אוּן מֶער אוּן מֶען דַארְף זַיין בַּאקַאנְט וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אוֹיף צוּרִיק; דֶער רֶבִּי רוּפְט דָאס אָן "בָּקִי בְּרָצוֹא, בָּקִי בְּשׁוֹב". וַוייל אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט נָאר פוּן אֵיין וֶועג, מֶען עֶרְוַוארְט צוּ גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, נָאכְדֶעם וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען גֵייט נִישְׁט הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער וֶוערְט מֶען צֶעפַאלְן.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט דַיינֶע כּוֹחוֹת וָואס דוּ הָאסְט; זַיי מַקְפִּיד צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת יֶעדְן טָאג אוּן זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם - יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא, לֶערְן וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט, אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אִיז גוּט אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט מְצַמְצֵם זַיין דַיין מֹחַ מַחְשָׁבָה צוּלִיבּ דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאבְּן גְרוֹיס תַּעֲנוּג אוּן פְרֵייד פוּן דִיר. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד: "וֶוען אִיךְ וֶועל זֶען וִוי עֶס גֵייט אִיבֶּער אוּן דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִיר".

בְּנוֹגֵעַ דַיין אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט וָואס דוּ הָאסְט פוּן יָמִים טוֹבִים; טוּ וָואס דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט טוּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי, כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי, וְשֶׁל בָּנַי, וְהַתְּלוּיִים בִּי - עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, וְזֶה טוֹב מְאֹד", אִיךְ פִיר זִיךְ אַז יֶעדְן טָאג גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף עֶרְלֶעדִיגְן - סַיי פוּן מִיר אוּן סַיי פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל טוּן וִוי אַזוֹי עֶר פַארְשְׁטֵייט.

"וְכֵן כְּשֶׁמַּגִּיעַ שַׁבָּת אוֹ יוֹם טוֹב", אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, "אֲזַי אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַהִתְנַהֲגוּת וְכָל הָעִנְיָנִים וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁל אוֹתוֹ הַשַּׁבָּת אוֹ הַיּוֹם טוֹב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַאֲזַי, אֵיךְ שֶׁמִּתְנַהֵג בְּאוֹתוֹ הַשַּׁבָּת וְיוֹם טוֹב, שׁוּב אֵינוֹ חוֹשֵׁב וְחוֹשֵׁשׁ כְּלָל שֶׁמָּא לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָה בְּהַנְהָגַת קְדֻשַּׁת אוֹתוֹ הַיּוֹם, מֵאַחַר שֶׁכְּבָר מָסַר הַכֹּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְסָמַךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ לְבַד", אַזוֹי בִּין אִיךְ רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ וִוי אַזוֹי דֶער שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב פִירְט זִיךְ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן אוּן אִיבֶּער קְלֶערְן צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן צִי נִישְׁט.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן; זוּךְ נִישְׁט צוּ נָאכְמַאכְן דַיינֶע אַלְטֶע צַייטְן, דִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט דִי יֶעצְטִיגֶע מַצָּב.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת פִּנְחָס תש"פ)

BreslevCenter.com\answers



**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין**
**אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 3# 718-387-2691**

>>>>>>

וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין.

### רצה

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שִׁיף, וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען וַוייט פוּן שְׁטָאט, גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט זַיין קוֹל אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט, "בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ זֶע דִיךְ אַ לֶעבֶּעדִיגֶער, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מוֹרָא גֶעהַאט אַז זֵיי הָאבְּן דִיךְ אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין יַם אַרַיין, אוּן אֶפְשָׁר וֶועט מֶען מִיךְ אוֹיךְ אַרַיינְוַוארְפְן. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי כּוֹחוֹת אוֹיסְצוּהַאלְטְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט מֶער וַוארְטְן בִּיז דוּ קוּמְסְט צוּרִיק, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט אַז אִיךְ וֶועל שְׁטַארְבְּן נָאךְ אֵיידֶער דוּ וֶועסְט דָא אָנְקוּמֶען".

וַוייל דִי פִילֶע שָׁעוֹת וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין אוֹיפְ'ן שִׁיף, נָאכְ'ן זִיךְ שֵׁיידְן מִיט ר' יִצְחָק, הָאט עֶר מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ וַוארְטְן בִּיז עֶר קוּמְט צוּרִיק, עֶר הָאט גֶעוַוארְט מַמָּשׁ בִּכְלְיוֹן עֵינַיִם אַז עֶר זָאל שׁוֹין צוּרִיק קוּמֶען.

### רצו

פֶּסַח בַּיינַאכְט הָאבְּן זֵיי גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב, זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶערָאכְטְן אַ סֵדֶר וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן אוּן גֶעטְרִינְקֶען, אוּן ר' יִצְחָק הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף אִים אִין שְׁטָאט, אוּן וָואס דֶער חָכָם הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

### רצז

דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג פֶּסַח, וָואס אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אִיז גֶעקוּמֶען אַ בַּאפֶעל אַז מְ'זָאל צוּפִירְן דִי שִׁיף צוּם שְׁטָאט, אוּן עֶס צוּבִּינְדֶען צוּם פָּארְט.

### רצח

דִי צְוֵוייטֶע נַאכְט פֶּסַח הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אָפְּגֶערָאכְטְן דֶעם סֵדֶר אוֹיפְ'ן שִׁיף.

### רצט

זוּנְטָאג, דֶער צְוֵוייטֶער טָאג פֶּסַח, אִיז ר' יִצְחָק אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט צוּ גֵיין דָארְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען. נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט דֶער חָכָם אִים גֶעלַאדֶענְט צוּ קוּמֶען עֶסְן בַּיי אִים, עֶר אִיז טַאקֶע אַהִינְגֶעגַאנְגֶען עֶסְן דִי סְעוּדָה, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן אוּן גֶעטְרִינְקֶען.

בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט דֶער חָכָם גֶעזָאגְט תּוֹרָה, סֵיי זַיינֶע אֵייגֶענֶע חִידוּשִׁים, אוּן אוֹיךְ פוּן אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים, וִוי אוֹיךְ פוּן צַדִּיקִים פוּן אוּנְזֶערֶע לֶענְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן ר' יִצְחָק עֶר זָאל אִים אִיבֶּערְזָאגְן תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע עֶפֶּעס נָאכְגֶעזָאגְט, אוּן דֶער חָכָם הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט אוּן גֶעזָאגְט, "שִׂישׂוּ בְּנֵי מֵעַי וְכוּ'". נָאךְ דִי סְעוּדָה אִיז ר' יִצְחָק צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם שִׁיף, דֶער גַּבַּאי אִיז אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט גֶעטְרָאגְן גוּטֶע מַאֲכָלִים פַארְ'ן רֶבִּי'ן.

וֶוען ר' יִצְחָק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שִׁיף, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן צוּגֶעלֵייגְט, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזֶען הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז סְ'מוּז זַיין אַז עֶפֶּעס הָאט פַּאסִירְט אַז דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן סְ'וֶועט נִישְׁט זַיין גוּט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ צַעַר פוּן דֶעם אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט עֶסְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַז דֶער חָכָם הָאט גֶעצְווּינְגֶען ר' יִצְחָק צוּ טְרִינְקֶען אַסַאךְ וַויין, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן שִׁיכּוֹר, אוּן דֶערְפַאר הָאט זַיין פָּנִים אוֹיסְגֶעזֶען טְרוֹיעֶרִיג. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס גֵייט פָּאר, עֶר הָאט אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט נָאר עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה.

וֶוען עֶר הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן מִיט אַ שְׁמֵייכְל, "אִיר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז זֵיי הָאבְּן מִיר אָנְגֶע'שִׁיכּוֹרְ'ט, עֶר הָאט מִיר גֶעמַאכְט טְרִינְקֶען צוּפִיל וַויין, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ". עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן וִוי אַזוֹי דִי סְעוּדָה אִיז גֶעוֶוען, אַלֶע וָואס דֶער חָכָם הָאט גֶעטוּן, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ אוּן הָאט דַאן גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדָה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# פרישער חתן אין ישיבה

די בחורים זענען זייער פריליך צו א פרישער חתן די וואך אין ישיבה. הבה"ח שמעון ב"ר שאול חיים איינהארן הי"ו איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו.

מוהרא"ש האט צוגעזאגט און געהייסן דאס אויסקריצן אויף זיין מצבה, אז ווער ס'וועט אויסזאגן גאנץ תהלים ביי זיין קבר, וועט ער זיך משתדל זיין מיט אלע כוחות אים צו ברענגען זיין שידוך. דער חתן האט זוכה געווען צו זיין ביים ציון הקדוש פון מוהרא"ש אין יבנאל, ווי אויך האט ער די פארגאנגענע יאר געענדיגט פערציג מאל מסכת תענית פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, אזוי ווי מוהרא"ש האט געזאגט פאר די בחורים אז ווער ס'וועט דאס טון, וועט זוכה זיין צו טרעפן זיין שידוך.

דער חשובער חתן איז ברייט באקאנט מיט זיין התמדת התורה, מדות טובות און יראת שמים. אויסער דעם וואס ער האט גאר אסאך צוגעלייגט א פלייצע אין ישיבה ארויסצוהעלפן מיט אלעס וואס פעלט נאר אויס.

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

# מיר וועלן אי"ה זיין ראש השנה אין אומאן

די וואך איז פארגעקומען א זיצונג פון רעגירונגס באאמטע אין אוקריינע איבער די היי יעריגע קיבוץ ראש השנה אין אומאן.

דאס האט געברענגט זארג ביי פילע אידן אז מ'וועט נישט קענען פארן דאס יאר אויף אומאן חס ושלום. דער אייבערשטער האט אבער געהאלפן אז מ'האט דארט בכלל נישט גערעדט איבער גענצליך אפשטעלן דאס קומען קיין אומאן, זיי האבן נאר אויסגעשמועסט אויב מ'זאל עטוואס באגרעניצן דאס קומען פון ארץ ישראל קיין אוקריינע, צוליב די ווירוס, און למעשה איז נישט ארויסגעקומען קיין שום החלטה פון די אסיפה, ווי אויך האט מען בכלל נישט גערעדט איבער'ן קומען פון אנדערע לענדער קיין אומאן.

אידן זענען ווייטער מתפלל אז מיר זאלן זוכה זיין אויך דאס יאר צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה אן קיין שום שטער, און מיר זאלן פועל'ן א גוט געבענטשט יאר.

**וכל באי עולם עוברין לפניך כבני מרון!**

***

# פרישע מחזור אין לימוד הרמב"ם

יעצט האט מען אנגעהויבן א פרישער מחזור אין ספר היד החזקה פון הייליגן רמב"ם, מ'לערנט יעדן טאג איין פרק, און מ'ענדיגט אי"ה אין 3 יאר.

לכבוד דעם נייעם מחזור האט דער ראש ישיבה שליט"א אנגעהויבן פארלערנען דעם טעגליכן שיעור יעדן טאג, מ'קען עס הערן אויף "קול ברסלב", דורכ'ן דרוקן 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א, און 11 פאר די שיעור אין רמב"ם.

דער הייליגער רבי האט געוואלט אז יעדער איד זאל זוכה זיין דורכצוגיין כל התורה כולה, אז מ'מאכט זיך א סדר צו לערנען יעדן טאג אביסל, קען יעדער זוכה זיין דערצו.

**ממשה ועד משה לא קם כמשה!**


# אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**

**עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך**

**~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~**

אייער פריינד
אלי קנאלל

Plan it Rite
Travel the right way

**718-506-4341**


הפצת הגליון נתנדב ע"י

מו"ה **נחמן נתן קרויס** הי"ו

צו לויבן און דאנקען דעם אייבערשטן אויף די גרויסע ניסים אז ער איז גערעטעוועט געווארן ממוות לחיים. דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל שטענדיג האבן נאר גוטס אין לעבן.

## סימן טוב ומזל טוב

הבה"ח **שמעון איינהארן** נ"י
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

***

מו"ה **מעכל ראזענפעלד** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב


## ש'כח ש'כח

**קיינער איז מיר גארנישט שולדיג, קיינער קומט מיר גארנישט. אויב איינער העלפט מיר יא, קומט זיך אים נאר א ש'כח ש'כח.**

הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא:

קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 6, 2, 48**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**